יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

MAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה זייט 7) היינט 8 זייטען

# מייער פאלקסבלאט

№ 115 | לאדז, מיטוואך, ב סיון תרצ״ד | צוועלפטער יאהרגאנג | Łódź, Sroda, 16 maja 1934 r. | № 115

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# די פערפלייצונגס־קאטאסטראפע אין טבריה

## 15 טויטע און פיל פערוואונדעטע. — עוואקואירט די שטאט. — רעטונגס־אקציע פון פאליציי, מיליטער און יוד. קאלאניסטען

ירושלים, 15. (יט״א טעלעגראפיש). לויט די אינפארמאציעס פון דער ארץ־ישראל טעלעגראפישער אגענטור... פירונג זענען בעת דער נעכטיגער פערפלייצונגס קאטאסטראפע צוליב'ן וואלקען־בראך, אין טבריה — אומגעקומען פופצעהן פערזאן, 11 מוסולמענער, 3 יודען און 1 קריסט, די צאהל פערוואונדעטע איז גרויס. די רעטונגס־אקציע איז געפיהרט געווארען א גאנצע נאכט און ווערט היינט פארט־געזעצט. דער רעטונגס־אקציע איז מאביליזירט געוואר'ען פאליציי, מיליטער און יודישע קאלאניסטען, די גאנצע אלטשטאט איז עוואקואירט געווא'ען, די צאהלרייכע קרבנות זענען איבערגעארדענט געווא'ען אין שווייצער־שפיטאל און אין הכנסת אורחים א.ג. פון מאיר בעל הנס. די עלעקטרישע און וואסער־איינשטאלאציע איז פערניכטעט געווארען, גאנץ טבריה איז איינגעהילט אין פינסטערניש.

ירושלים, 15. (ספ. טעל.) די פוילישע טעלעגראפען אגענטור טיילט מיט אז פון אונטער די חורבות פון די צוזאמענגעפאלענע הייזער אין טבריה האבען די רעטונגס־אפטיילונגען געפונען 24 טויטע, הויפטזעכליך זקנים און קינדער.

## אונטערגעגאנגען א גרויסע ענגלישע שיף

לאנדאן, 15. (ספ. טעל.) די גרויסע טראנס־אטלאנטישע שיף פון דער ענגלישער „ווייט סטאר־ליין" — „אלימפיק" איז שווימענדיג קיין ניו־יארק ארויף אויף אן אנדערע שיף און איז צושמעטערט געווארען. די מאנשאפט האט מען אבער געראטעוועט.

## לייבאר־פארטיי אין ענגלאנד

### זיגט ביי די דערגענצונגס־וואהלען

לאנדאן, 15. (ספ. טעל.) בעת די ערגענצונגס וואהלען צום פארלאמענט, וועלכע זענען נעכטען פאר געקומען צוליבן אפזאגן זיך פון עטליכע דעפו־טאטן האבן געזיגט די קאנדידאטן פון דער לייבאר־פארטיי, אלע קאנסערוואטיווע קאנדידאטן זענען אדורכגעפאלען.

## דער דייטשער פליה איז דער סטראטאספערע

### האט זיך פערענדיגט מיט א קאטאסטראפע

#### דער באלאן איז אראפגעפאלען אין סאוויעט־רוסלאנד

ריגא, 15 (ספ. טעל.)

דער דייטשער באלאן „בארטש פאן זיגספעלד", וועלכער איז זונטאג אינדערפריה ארויסגעפלויגען פון פליה־פלאץ אין ביטערפעלד אויף א פליה אין דער סטראטאספערע, איז אינגאנצען פערלוירען געגאנגען, נעכטען איז דער באלאן געפונען געווארען אויף דער סאוויעטישער טעריטאריע אין סעפעש, נעבען דער לאטוויש־סאוויעטישער גרעניץ. אין דער גאנדאלע פון באלאן האט מען געפונען דעם טויטען קערפער פון פליהער.

א ספעציעלע קאמיסיע פון דער ארטיגער סאוויעטישער מאכט האט נישט פעסטגעשטעלט די סיבות פון דעם פליהערס טויט.

די דייטשע געזאנדשאפט אין מאסקווא האט זיך געווענדעט צו דער סאוויעטישער מאכט מיט א ביטע אונטערצונעהמען אלע מעגליכע מיטלען, כדי אויפצוקלעהרען די אומשטענדען פון דער קאטאסטראפע, דער טויטער קערפער פון פליהער וועט געבלמסט ווערען און ערשט דאן וועט מען אפשר קענען אויפקלערען דאס געהיימניש.

דער דאזיגער פארפאל מיט'ן פליהער איז נאך מעהר געהיימניספול, ווייל דער צווייטער פאסאזשיר פון באלאן אינזש. שרענק איז איינגענען אוועקגעקומען און מ'ווייסט נישט אויף וואס פארא אופן און אין וועלכען ארט ער איז ארויסגעפאלען פון באלאן.

## דער סענסאציאנעלער הארימאן־פראצעס

### האט זיך אנגעהויבען אין ניו־יארק

ניו־יארק, 15. (ספ. טעל.) אין ניו־יארק האט זיך נעכטען אנגעהויבען דער ערשטער פון א גאנצע רייה סענסאציאנעלע פראצעסען געגען די פאטענטאטען פון וואל־סטריט.

פארן געריכט איז געשטעלט געווארען דער בעקאנטער באנקיר הארימאן, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין פערשווינדען 1.661.170 דאלאר אלס פארזיצער פון דער הארימאן־באנק.

הארימאן זיצט שוין אין טורמע זייט מערץ 1933 ווען רוזוועלט האט אנגעהויבען דעם קאמף געגען די מאכינאציעס פון באנקירען און בערזעס.

## טראצקי איז ארויסגעפאהרען אין דער שווייץ

פאריז, 15. (ספ. טעל.) ס'בעשטעטיגט זיך די ידיעה אז טראצקי איז ארויסגעפאהרען אין דער שווייץ. טראצקי האט אפגעווארט די באנד אין די וואגעס. אין האטעל האט ער זיך איינגעשריבען אלס דער סוחר זשאן פראנק.

## א פליהענדער צוג אין סאוויעט־רוסלאנד

מאסקווע, 15. (ספ. טעל.) נעכטען איז אין סאוויעט־רוסלאנד פארגעקומען דער ערשטער פרוב פון א „פליה־צוג" דריי לופט־שיפלען צוגעשטעלט צו אן אעראפלאן. דער „צוג" איז געפלויגען אויפ'ן וועג מאסקווא—קרים, דער פליה האט געדויערט צעהן שעה

## פון ניו־יארק קיין רוים

### איז ארויסגעפלויגען אן אעראפלאן

לאנדאן, 15. (ספ. טעל.) ווי מען מעלדעט פון ניו־פונדלאנד איז דער אעראפלאן „לעאנארדא דא ווינטשי" ארויסגעפלויגען מיט די פליהער סאבעלי און פאנד אויף א ריידע פון ניו־יארק קיין רוים. די אטמאספערישע בעדינגונגען זענען גוטע.

## שטרייק פון די טראנספארט־ארבייטער אין לאנדאן

לאנדאן, 15. (ספ. טעל.) אין לאנדאנער פארט איז אויסגעבראכען א שטרייק פון די טראנספארט־ארבייטער, די אנגעקומענע שיפען זענען נישט אויסגעלאדענט געווארען.

## וואהל־קאמיטעט פון פעראייניגטע ציוניסטישען בלאק צום שטאט־ראט.

**יודען וועהלער!** קאנטראלירט אייער וואהל־רעכט צום שטאט־ראט! — נאך 3 טעג זענען פערבליבען אויף נאכצוזעהן, צי איהר זענט אריינגעטראגען אין די וועהלער־רשימות. וועלכע זענען אויסגעלעגט אין די לאקאלען פון די קרייז־וואהל־קאמיטעטן. אויב אייער נאמען געפינט זיך נישט אין דער ליסטע, רעקלאמירט ת״כה. שפעטער וועלען קיין שום רעקלאמאציעס נישט אנגענומען ווערען און איהר זענט עלול צו פערלירען אייער וואהל־רעכט.

**געדענקט! קיין איין יודישע שטים טאר נישט פעהלען ביי די וואהלען.**

אינפארמאציעס אין אלע וואהל־ענינים ערטיילט דאס הויפט־וואהל־ביורא פון פעראייניגטען ציוניסטישען וואהל־בלאק, שרודמיעסקא 29. טעלעפאן 127-28.

ב״ר

ב״ע **טוביה טודרוס אריה ז״ל פיקעטני**

איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטארבען אין וויען דעם 11-טען מאי 1934 (כ״ו אייר) אין עלטער פון 64 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 16 מאי 1934, 1 א זייגער בייטאג פון טהרה־הויז אויפ'ן היגען בית־החיים, וועגען וואס עס טיילט מיט די אין טיפען טרויער פערבליבענע

**פאמיליע.**

